אבן (עזיען) יצחק (חנוכה תרכ"ב— ) געב. אין ראַזוואַדאָוו, גאַליציע. זיין פאָטער, „אַ חסיד מיט כל המפורשים", כאָטש ניט קיין בטלן און אַ ייד אַ תלמיד־



חכם, האָט אים, לויט דער עצה פון סאַנדזער רב, געשיקט צו 10 יאָר אין דער ישיבה פון פּע־טשעניידאָרף, אונ־גאַרן. צוריקגעקו־מען צו בר־מצווה אַהיים, זיך עוסק גע־ווען אין חסידות אַלס הייסער חסיד פון ראַזוואַדאָווער רבין, ר' משהלע הורוויץ, אָבער במסתרים, ביינאַכט, געכאַפּט אַ קוק אין דייטשע און העברעישע ביכלעך. צו 16 יאָר חתונה געהאַט, אונטער דער השפעה פון אַ סאַדאַגאָרער חסיד אַוועק קיין סאַדאַגאָרע, געמוזט צערייסן מיט דער ווייב צוליב דער מלחמה צווישן די הויפן פון ראַזוואַדאָוו און סאַדאַגאָרע; געוואָרן דאָרט אַ „יושב" און דאַן אַ מלמד. אונטער דער השפעה פון די משכּילישע קרייזן אין טשערנאָוויץ אָנגעהויבן לער־נען פלייסיק העברעיִש, דיקדוק, ספרי חקירה און געוואָרן אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער פון „מחזיקי הדת" (שפּעטער רע־דאַקטאָר), „המגיד", „המליץ" (1895—1898). אין דער אייגענער צייט אויך געשריבן אין הירש־לייב גאָטליבס יידישער צײ־טונג פון סיגעט, אונגאַרן, אין „טיסמע־ניצער צייטונג" פון שבת קנעבל, באַ־האַלטנדיק זיך, אַלס אין גאַליציע באַקאַנ־טער העברעיִשער ליטעראַט, אונטערן פּסעוודאָנים צבי חנאק (אַנאַגראַם פון יצחק אבן); זיך אויך באַטייליקט אין אַ פּיטסבורגער צייטונג („גאָרטען שפּיגעל", פון יואל ליבליך?) מיט אַר־טיקלען איבער אַלע שבע חכמות, אַפילו אַסטראָנאָמיע, גענאַשט פון דייטשע ביכלעך. 1895 געגרינדעט אין לעמבערג די ערשטע עברית־בעברית־שול אין גאַ־ליציע, פון וועלכער שפּעטער באַשטימט פון דער קולטוס־געמיינדע אַלס דירעק־טאָר מיט ד"ר גוטמאַן, מאיר באַלאַבאַן א. אנד. אַלס לערערס. דאַן דירעקטאָר פון נאַפט־גרובן, געוואָרן רייך, פאַרלאָזט אינגאַנצן די ליטעראַטור, 1908 געקויפט אַ געשעפט אין ווין, פאַרלוירן דערביי זיין קאַפּיטאַל און אַוועק קיין אַמעריקע, וואו געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דער העברעיִשער ענציקלאָפּעדיע „אוצר ישראל", באַטייליקנדיק זיך גלייכצייטיק אין דער יידישער פּרעסע. אַלס קאָרעס־פּאָנדענט פון לעמבערגער „טאָגבלאַט" אָנגעהויבן צו דרוקן אין דער דאָזיקער צייטונג אַלע פרייטאָג חסידישע מעשהלעך, וועלכע האָבן זייער אויסגענומען ביים עולם, געפּרוּווט זיי אויך שרייבן אין ניו־יאָרקער „יידישן טאַגעבלאַט", אָבער לכתחילה אָן ערפאָלג. ערשט זינט 1914 אַלס מיטאַרבעטער פון „דעם טאָג" גע־מאַכט פּאָפּולער אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע די חסידישע מעשיות. זייט 1918 מיטאַרבעטער פון „מאָרגען זשורנאַל" און „דעם אַמעריקאַנער", וואו אויך אַלע פרייטאָג געדרוקט זיינע מעשהלעך איבער חסידות. לעצטנס אין „מאָרגען זשורנאַל" געפירט אויך אַן אָפּ־טיילונג „דערציילט דאָס אייערע קינדער"—